## קורצער פרייטאג און שבת הגדול



קורצער פרייטאג: נו, פאניע שבת הגדול ווי גערט עס אייך אין אייער געשעפט?

שבת הגדול: אַ גאנצען טאָג פערמאַכט זיך נישט די טיר.

קורצער פרייטאג: אזוי? איז דאָך גוט.

שבת הגדול: עי. נישט דאָס, כ'האָב פשוט נישט קיין געלד צו רעפערירען די טיר.

## אמאל און היינט

אַמאָל האָבען יודען
געהאַנדעלט, געזאַנג עלט,
אין פאַבריקען פלעגען
„זיי" נאָר גיין,
היינט האָבען „זיי"
דעם האנדעל צוגענומען
דעם יוד אָבער לאָזט מען
אין ערגעץ נישט אריין —

קאַפריזנער

## די גאַלעריע האָט ס'וואָרט

אויף דער סצענע שטעהט א בעקאנטע פרימא דאָנע און זינגט:

„כ'וועל פליהען אוועק אונטער די הרי חושך..."

— הלואי, איהר זאָלט האַלטען וואָרט

האָט זיך געהערט אַ קול פון דער גאַלעריע.

## אין האָניג־חודש

פרוי: וואָס זאָל איך דיר מאַכען היינט אויף קאָלאציע: טיי צו קאַווע?

מאַן: אויב דאָס, וואָס דו האָסט מיר נעכטען געגעבען איז געווען טיי, טאָ גיב מיר קאַווע, אויב דאָס געווען קאַווע, טאָ גיב מיר טיי.

## נאָך זאַקאָפּאַנע...

— וואו פאָהרסטו היי יאָהר אויפ'ן ווינטער־אורלויב?

— אַ האלבען אורלויב וועל איך זיין אין זאַקאָפּאַנע.

— און די צווייטע העלפט??

— אין גיפס.

## וועניגער ווערט

### אויף אַ בילדער - אויסשטעלונג

מאָהלער (צום בעזוכער): וואָס? פאַר דעם בילד גיט איהר מיר 10 זל. די בלויזע לייוואַנט קאָסט דאָך 15 זל.?

קונה: ווער האָט אייך געהייסען פערשמירען מיט פאַרב? אויף ריינע לייוואַנט קען מען גיכער האָבען אַ קונה.

## געצאהלט ווי א טאטע

### און דערצו פאַר פרעמדע זינד

דער בוכהאַלטער העניעק ט... איז מיט 16 יאָהר צוריק פער'משפט געוואָרען צו צאָהלען אַלימענטען 150 זל. אַ חודש. דער טערמין צו צאָהלען איז געווען ביזן 1. דעצעמבער 1936.

מיט אַ חודש צוריק, ווען זיין טעכטערל איז געקומען נאָך דער לעצטער ראַטע, האָט העניעק געזאָגט צו איהר:

— העלקאַ, גריס די מאַמעשי און זאָג איהר, אַז פון מאָרגען אָן, בין איך נישט מעהר קיין טאַטע.

הערענדיג דעם גרוס, האָט די מוטער זיך פונאַנדערגעלאַכט און געזאָגט:

— העלטשאַ, געה צוריק, גיב איהם אָפּ אַ האַרציגען גרוס און זאָג איהם, דעם אידיאָט, אַז ער זאָל אזוי לעבען צי ער איז בכלל דיין טאַטע!...

## אַ פּאַרפּאַלק

— קען מען נישט רעדען מיט'ן הער?

משרת: ניין, דער הער איז געגאַנגען אין שטיבעל דאַווענען מעריב.

— און די מאַדאַם??

משרת: די מאַדאַם איז געגאַנגען אויפ'ן סיל וועסטער.

קאַפריזנער.

## אַ בעל טובה

איינער פון די באַנדיטען, וואָס האָט פערפיהרט ב.'ס זוהן, האָט זיך פערענטפערט, אַז ער איז אויסען געווען ב.'ס טובה; ווייל ער האָט געהערט, אַז אַ יוד איז נישט זיכער אין לאַנד אַרויסצוגעהען אין גאַס, איז ער מיט איהם אַוועקגעלאָפען קיין וואַרשאַוואַ ... גורא.

## שוין נישט ס'ערשטע מאָל....

דער „אַרענדאַטאָר" האַלט ווייטער אין איינרעדען, אַז שאַניאַווסקי איז משוגע.

ס'איז רבותי, גאָר קיין נאָווינע נישט, אַ סך מיושב'דיגע מענשען האָט שוין דער „אַרענדאַוואָניק" מיט זיינע אַרטיקלען משוגע געמאַכט...

פלוידערזאַק

## ווי אזוי א זייגערמאכער

### ערקלערט זיך אין ליבע

דעם זייגערמאַכער העניעק ספּרענדזשינע, האָט מען גערעדט אַ שידוך. פאַר דער חתונה זאָגט ער צו דער כלה:

— פּיטשעשי, זאָלסט וויסען זיין, אַז איך בין אַ רעגולער פּאַכמאַן, פון דער ערשטער מינוט אָן, ווי נאָר איך האָב דערזעהן דיין ציפערבלאַט, האָסטו מיך אַנטצינדען, און איך וועל מיין גאַנץ לעבען געהען אויף דער מינוט. איך וועל זיין דיין ווייזער, און דו מיין בוחניק, איך וועל זיין אַ זייגער און דו אַ זייגערין. איצט פאַר דער חופה, גיב איך דיר אַ גאַראַנטיע אויף גאַנצע דריי יאָהר.

## דער טאַטע ווייסט...

קינד: זאָג מיר טאַטעשי, ווער איז דאָס געווען דער נאַפּאָלעאָן?

פאָטער: אזא יונג ווי דו, ווייסט נישט ווער נאַפּאָלעאָן איז? גיי ברענג אריין ס'חומש וועל איך דיר ווייזען.

## אַ שעהן פּנים האָט זי

אַ זשורנאַליסט האָט געפרעגט דעם פרעמיער, ווי אזוי ער טראַקטירט די אָפּאָזיציע, האָט דער פרעמיער געענטפערט:

— איך בין אַ שטיקעל סוחר. איך טראַקטיר זיי ווי פּרובקעס אָהנע ווערט.

## פייטעל און טרייטעל



פייטעל: ווייסט, טרייטעל, ס'וואָלט געווען אַ סברה, אַז יודען זאָלען אויפהערען צו עסען שווייצער קעז.

טרייטעל: פאַרוואָס?

פייטעל: צוליב'ן אורטייל אין פראַנקפורטער פּראָצעס.

קאַפּריזנער

## אַלעם מיט דער צייט

חתן (צום מחותן): איך בין מיך מודה, אַז מיינע פערדינסטען זענען נישט אזוי גרויס ווי די ליבע צו אייער טאָכטער.

מחותן: נעהם דיך נישט איבער, מיט דער צייט וועט עס זיך אויסגלייכען.

## איהר „ריין יודישער" נאָמען

— זאָג מיר מאַניעק, ווי היסט דיין שוועסטער אויף איהר יודישען נאָמען? אַלע רופען זי „רענאַ".

— נו, טרעף. ס'הייבט זיך אָן מיט אַ „ר".

— רבקה?

— ניין.

— רויזע?

— ניין.

— רחל?

— ניין.

— ריקעל?

— ניין.

— נאָר ווי דען??

— רעגינאַ!

## ביידע זאַכען

אין אייער חתן באַטש אַ קלוגער?

— ער איז ביידע זאַכען: קלוג און נאַריש.

— וואָס הייסט?

— ער איז קלוג, וואָס ער פערלאַנגט פון מיר טויזענד דאָלאַר נדן, און איז נאַריש, אַז ער מיינט, דאָס איך וועל איהם געבען.

א. איטקין

## קליינע אנאנסען

ס'יוערט געברויכט — א בעזעם, אויסצוקעהרען דעם שימעל אין די היגע אינסטיטוציעס.

אַ טערמאָמעטער — צו מעסטען היטלער'ן די היץ זוכט די פעלקער־ליגע אין זשענעווע. אָפּערטען פאַר „איך מיך נישט" צום מינ. אידען.

מאַסאַזשען — קעפּ, הענד, זייטען, פלייצעס, פיהרט אויס ביליג דער לאָדזער „אָבוז נאַראָדאָווי". יודען בעקומען א ספּעציעלען ראַבאַט.

כ'זוך אַ פּאָסטען — אלס נאַכט־סטרוזש, אויסערגעסטען פאַל בין איך גרייט איבערצונעמען א קרוין. אָפּערטען פאַר „אַלפאַנס דעם 13־טען".

איך קויף — אַלטע פערזשאַווערטע האַרמאַטעס. אַדרעסירען צו גען. פראַנקאָ.

---

# דער קונדס

הומאר • סאטירע •

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק •

בייל אַגע צום „נייעם פאָלקסבלאַט" נומער 7 — פרייטאג, דעם 8 יאַנואַר 1937

# נישטא מעהר קיין פּלאַץ פאַר איהם...




פראַפעסאַרען: יאָ, דער „חולה" מוז „עוואַקואירט" ווערען!...

